# אַנימלט, מלכּה׳לע, אין טרוים

אַנימלט, מלכּה׳לע, אין טרוים —
דו האָסט געוויגט אַ וויג
און אין דער וויג האָט שטיל געלאַכט
אונזער ביידנס גליק.

דו האָסט געזונגען: „איי־ליו־ליו,
דאָס העזעלע אין פעלד
דאַרף האָבן אַ פּאָר שיכעלעך,
האָט עס נישט קיין געלט״.

דו האָסט געזונגען: „איי־ליו־ליו,
דאָס וועלוועלע אין וואַלד
האָט קיין פּעלץ אויף ווינטער ניט,
איז אים נעבעך קאַלט״.

איך בין געזעסן נעבן דיר
און פרום זיך צוגעהערט
און מיינע אויגן, מלכּה׳לע,
האָבן שטיל געטרערט.

דו האָסט געזונגען: „איי־ליו־ליו,
איז דאַרף מען לויפן גיך
קויפן פאַר דעם וואָלף אַ פּעלץ,
דעם העזעלע אַ פּאָר שיך.

און דעם מיידעלע אין וויג
צוויי אוירינגלעך פון גאָלד,
ווייל די מאַמעשי האָט עס ליב,
ווייל זי האָט עס האָלד".

איך בין געזעסן נעבן דיר
און פרום זיך צוגעהערט
און מיינע אויגן, מלכּה'לע,
האָבן שטיל געטרערט.

און ס'איז אַ גרויסע, הייסע טרער
געפאַלן אין דער וויג
און האָט און האָט... נו, גאָט זיי דאַנק,
נישט אויפגעוועקט דאָס גליק.

אַ ווינטער־פליג האָט אַרום לאָמפּ
געזשומעט — שו שו שאַ —
און אונזער גליק האָט אין דער וויג
שטיל געמורמלט: „מאַ..."